גליון יב
פרשת בא תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### קידוש החודש - און דער מושג זמן

◆ **החודש הזה לכם**

אין די פרשה שטייט די גרויסע מצוה פון קידוש החודש, "הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה" (שמות יב ב), און חז"ל זאגן אז דער אייבישטער האט אים געוויזן פונקטליך ווי די לבנה זעהט דעמלטס אויס, און ער האט אים געזאגט 'כזה ראה וקדש'.

שטייט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק ח) אז באמת איז עס דעם אייבירשטענס א זאך צו רעכנען זמנים, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר אדם הראשון, אדם פאר חנוך, און אזוי ווייטער צו נח, שם, אברהם יצחק יעקב, יוסף. דערנאך אין די זמן פון שעבוד מצרים, האט עס דער אייבישטער צוריק גענומען פאר זיך, אבער יעצט ביי די גאולה, האט ער עס געגעבן פון דאס ניי במתנה פאר משה און אהרן, 'החודש הזה לכם', ס'איז מיינס, און איך געב עס ענק א מתנה.

ווען ס'איז דעם אייבירשטענס זאך, מיינט אז ס'גייט צו לפי די אמת'דיגע מציאות אויבן, און ווען ער געט עס פאר 'בית דין' דא אונטן, דאס מיינט אז ס'איז א 'הנהגה', ס'דארף נישט שטימען מיט די מציאות, נאר לפי ווי די חכמים זעהן פאר ריכטיג עס אוועק צושטעלן אונטן. און דאס לערנען די חז"ל ארויס פון דאסווארט 'לכם' (ר"ה כד ע"א), אז ס'איז איבערגעגעבן פאר ענק.

און נישט נאר דאס, נאר אפילו אויב זיי האבן געמאכט א טעות, האט עס אויך דער זעלבע תוקף. די חכמים האבן טאקע א חיוב אויסצורעכנען ווי נענטער צו די מציאות, אבער אפילו זיי האבן געמאכט א טעות, ס'איז נישט אויסגעקומען ווי די אמת'דיגע מציאות, און אפילו זיי האבן במזיד אפגערוקט, איז די קביעות חל.

ווייל די קביעות זייערע, דארף באמת נישט האבן קיין שייכות מיט די מציאות, ס'איז אינגאנצן א כח 'הנהגה' וואס דער אייבישטער האט געגעבן פאר די חכמים, 'אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין, די קביעות איז 'חל' אויף יעדער אופן.

און דאס איז נישט נאר א 'דין', נאר דאס איז א 'חלות' אין די מציאות, ווי די חז"ל זאגן 'לקל גומר עלי', א קטנה ווערט דריי יאר (צו מחייב זיין אויף איר) לפי די דאזיגע קביעות. און אפילו אויב זיי האבן זיך טועה געווען און אפגערוקט פון די מציאות, פון דעסטוועגן האט עס א 'חלות' אויך אויף די טאפעדיגע מציאות ממש.

◆ **די קדושה פון קידוש החודש**

די בריאה איז נישט מסודר מיט 'זמנים', ס'איז נישט ניכר קיין זמנים אין די בריאה, אזוי האט דער אייבישטער אוועקגעשטעלט די בריאה מתחילתו, אז זי זאל דארפן צוקומען צום מענטש, ער זאל אויסרעכנען פאר איר די זמנים, ער זאל זיי מסדר זיין.

ווי ס'שטייט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק ח) אז די זון און די לבנה זענען א בריאה, וואס איז באשאפן געווארן מיטוואך, אבער אלע זמנים, ווי שנים וחדשים, ימים ולילות, שעות וקיצים, תקופות ומחזורות ועיבורין, זענען נישט קיין

**די זמנים פון כלל ישראל קומט ארויס פון די קדושת התורה, פון קדושת כלל ישראל, אזוי ווי די יידן אליינס זענען הייליג, ווי די פסוק זאגט (ויקרא כ כו) 'והייתם לי קדושים וגו' ואבדיל אתכם מן העמים וגו', אזוי אויך די זמנים זייערע, זענען נישט סתם גשמיות'דיגע חשבון'ס, זיי זענען א חשבון דקדושה**

חלק פונעם וועלט'ס באשאף, ס'איז געליגן ביים אייבירשטן נאך פון פאר די וועלט באשאף, און ער כביכול האט עס איבערגעגעבן פאר די מענטש עס אויסצורעכנען.

ער כביכול האט געלערנט די חכמה מיט אדם הראשון, און ס'איז איבער געגאנגען צו די חכמי הדורות, ביז ס'איז אנגעקומען צו כלל ישראל, ווי ס'שטייט 'החודש הזה לכם', 'לכם' הייסט אז ער האט עס אוועקגעגעבן פאר די יידען (און נישט פאר די גויים, און די יידען ווערן שטארק געלויבט מיט דעם ווי די פסוק זאגט 'כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים', דברים ד א).

די סדר פון זמנים גייט אריין אין כלל פון געזעצן, עס ווערט אנגערופן 'חוקי הזמן', עס איז נישט אזוי ווייט די געזעצן פון די מציאות, עס איז מער די געזעצן וואס דער מענטש האט אוועקגעשטעלט, די ראשים פון יעדער מדינה שטעלן אוועק די געזעצן פון די 'זמנים' אין זייער לאנד, און יעדער צוגלייך דארף מיט גיין מיט דעם זמן.

איז אזוי איז אויך ביי די זמנים פאר כלל ישראל אין ארץ ישראל, ליגט א חיוב אויף בית דין וואס זיי זענען די שפיטץ פון לאנד, אז זיי זאלן אוועקשטעלן זמנים פארן גאנצן לאנד צוגלייך.

[ווי ס'איז באקאנט אין די היסטוריא, אז די זייגער און די לוח האט באלאנגט פאר די מדינה אוועקצושטעלן, און מיטן שטאטש האט מען געשטעלט איין גרויסע זייגער, ביים מארק פלאץ, און פון דארט האט יעדער אנגעשטעלט זיין פרטיות'דיגער זייגער. אויך היינטיגע צייטן איז די זייגער, א אנגעשטעלטע זאך פון די מדינה, לויט די 'טיים זאנע' אין יענער לאנד].

אבער אויף דעם זאגט די תורה 'כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים', די זמנים פון כלל ישראל קומט ארויס פון די קדושת התורה, פון קדושת כלל ישראל, אזוי ווי די יידן אליינס זענען הייליג, ווי די פסוק זאגט (ויקרא כ כו) 'והייתם לי קדושים וגו' ואבדיל אתכם מן העמים וגו', אזוי אויך די זמנים זייערע, זענען נישט סתם גשמיות'דיגע חשבון'ס, זיי זענען א חשבון דקדושה.

אזוי ווי מיר זאגן ביי שמונה עשרה יום טוב, 'מקדש ישראל והזמנים', אויך ראש חודש זאגן מיר 'מקדש ישראל וראשי חדשים'. דאס הייסט, אז די זמנים, זענען א דיירעקטע המשך צו די קדושה פון כלל ישראל, זיי זענען נישט סתם גשמיות'דיגע חכמה ח"ו, ווי ביי די גוים, ניין, ס'איז 'קדושה', ווי די לשון פון חז"ל 'קידוש החודש', קידוש דוקא.

און איינע פון די זאכן וואס די יודען זענען במיוחד אפגעטיילט פון די גוים, איז אין די דאזיגע ענין פון אוועקשטעלן די זמנים, ביים גוי איז עס א דבר חולין, א חכמה ווי אלע חכמות, און ביים יוד איז דאס קדושה, קדושת התורה. און דאס איז די כוונה פונעם מדרש די וואך (שמות רבה טו כד) אז די יידן זענען הייליג, און וועגן דעם זענען זייערע זמנים אויך הייליג. זייער עצמיות'דיגע קדושה, גייט אריבער צו די זמנים וואס זיי זענען קובע.

◆ **דער מענטש האלט חשבון אויף די זמנים**

אין זמנים זענען דא מער קביעות'דיגע, אזוי ווי טעג און וואכן, יעדע פיר אין צוואנציג שעה איז א טאג, און יעדע זיבן טעג ווערט א וואך. און ס'איז דא נישט אזוי קביעות'דיגע, אזוי ווי די חדשים, וואס זיי גייען לויט די סדר פון די לבנה, וואס איז נישט אזוי קביעות'דיג.

קביעות'דיגע זמנים זענען ווי א חלק פונעם טבע הבריאה, מ'דארף נישט האבן די מענטש פאר זיי, ס'לויפט פון זיך אליינס, א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, אבער די חדשים וואס זענען נישט אזוי קביעות'דיג, דארפן האבן דעם כח פונעם מענטש, וואס זאל עס

◆ המשך בעמ' ד

## • געבוירענע מתפללים

ס'איז דא צוויי סארטן מענטשן, ס'איז דא מענטשן וואס זענען נאטירליכע געבוירענע בעטער'ס, זיי קענען בעטן ממש כעני בפתח, לאמיר זיי ריפן 'נאסע מענטשן'. און ס'איז דא אנדערע וואס האבן נישט אזוי שטארק דעם כח התפילה, מער 'טריקענע מענטשן', בטבע זענען זיי א מער שטארקערע כאראקטער, שטערקער געבויט, זיי פילן שטארק די כח הבחירה צו ערלעדיגן זייערע זאכן, זיי האבן נישט די דאזיגע תשוקה און צובראכנקייט פון תפילה.

תפילה איז דאך אבער א טבע אין די בריאה, יעדער דארף מתפלל זיין צו באקומען זיין שפע, יעדער האט זיכער א שייכות מיט תפילה, ווי חז"ל זאגן אויף דעם פסוק 'ואדם אין לעבוד את האדמה', אז דער מענטש דארף משתוקק זיין און מתפלל זיין אויף רעגן, וואס דאס איז אויך ביי אלע השפעות, אז אלעס מוז זיך אונפאנגען מיט א תשוקה פון די תחתונים, נאר דאן קען קומען די השפעה פון אויבן.

פאר זיי איז די וועג פון תפילה, דורעך אמונה, 'אמונה' איז בעצם א טרוקנקייט, א תמימות און א פשוט'קייט, די העכסטע תפילה איז טאקע 'תפילה לעני כי יעטוף', מ'בעט זיך ביים אייבערשטען מיט די גאנץ הארץ אין נשמה, מ'בעט זיך פאר אביסל לעבן. אבער ס'איז אויך דא תפילה מיט אמונה און מיט א פשוט'קייט, אז אפילו די דאזיגע מענטשן וואס זענען נישט קיין **מתפללים בטבע**, זיי פילן נישט די כח איינצורייסן מיט די גאנצע הארץ און נשמה, קענען אבער מתפלל זיין מיט א פשוט'קייט, מיט א אמונה.

דער אייבישטער האט אויסגעשטעלט די בריאה מיט תפילה, און יעדער האט זיך זיין וועג ווי אזוי ער קומט אריין אין דעם. און אפילו דער טרוקענער מענטש קען אריין קומען מיט אמונה פשוטה, ער איז מקיים זיין די מצוה פון תפילה, אזוי ווי אלע מצוות, דער אייבישטער האט אזוי מסדר געווען די וועלט אז ס'גייט דורעך תפילה, בעט מען.

## • די מעלה פון א טריקענע תפילה

און מיט א געוויסע זין איז דא א מעלה דוקא ביי די דאזיגע תפילה, וואס קומט פון א טרוקענע אמונה, ווייל ווען א מענטש בעט מיט א צובראכנקייט, איז ווי נישט ווי, ליגט ער אין זיך, ער ליגט אין זיינע פראבלעמען, אבער ווען ער בעט מיט א טרוקענע אמונה, פארגעסט ער פון זיינע געפילן, פון זיין וועלטל, ער גייט יעצט ארויס צום אייבערשטנ'ס וועלט כביכול, ער איז ביים אייבערשטן און בעט מיט די געפיל אז אלץ איז בידו יתברך, און איך טוה נאר פשוט מיין פליכט וואס איך בין נצטווה געווארן מקיים צו זיין - מצוות תפילה.

**מ'זעהט אז הגאון הגדול ר' חיים קנייבסקי זצ"ל האט נישט דוקא מאריך געווען בתפילה, אויך איז ער נישט געווען בטבע א מתפלל, ער איז נישט געווען דער גרויסער בעל בכי און בעל רגש, אבער מ'זעהט גאר שטארק די אנדערע סארט תפילה, די תפילה מיט א גאנצע אמונה און תמימות.**

**נאך אלקי נצור פלעגט ער פשוט בעטן זיינע ענינים, מיט א פשטות ממש, זאגנדיג דערביי אז איך וועל בעטן וועט מיר עס בעסער גיין. און כדי ער זאל נישט פארגעסן אויף וואס ער וויל בעטן, האט ער מיט די גאנצע פשטות עס אראפ געשריבן אויף א צעטעלע, ווי מ'איז זיך מסדר פאר מ'קומט אריין צום מלך.**

**און אזוי פלעגט ער מתפלל זיין אויף פשוט'ע זאכן, אז די לערנען זאל גיין בעסער, אז די ספרים דריקן זאל בעסער גיין, זאגנדיג מיט א תמימות, אז מ'איז מתפלל גייט עס בעסער.**

**ווען אימער יידן פלעגען אריין קומען פאר ברכות און ישועות, פלעגט ער פרעגן צו מ'האט שוין מתפלל געווען, און אויב די ענטפער איז געווען אז מ'האט שוין מתפלל געווען, איז די תשובה געווען 'יחזור ויתפלל', ווי חז"ל לערנען אונז אז מ'איז נישט געענטפערט געווארן איינמאל, זאל מען נאכאמאל מתפלל זיין.**

איז אפילו איינער וואס זיין עיקר מהות איז תורה, נישט תפילה, אבער מיט די כח פון אמונה, קען ער באלעבן דעם דאווענען, מיט די פשטות'דיגע מצוה אין די תורה 'ולעבדו בכלל לבבכם' איזהו עבודה שבלב זו תפילה, בעט מען אויף יעדע זאך.

אלע מצוות התורה האט א געשמאק זיי מקיים צו זיין מיט א תמימות, נאך א מצוה פון די תרי"ג מצוות התורה. די זעלבע זאך איז מיט 'תפילה', טאקע די פשטות התפילה וואלט מער געווען ווי א עני, 'תפילה לעני', 'ולעבדו בכלל לבבכם', אבער אויך מיט אמונה אין די מציאות התפילה, אמונה אז ער העלפט און ער וועט העלפן, אויף זיינע באהאלטנע וועגן, מיט די כח קען יעדער מתפלל זיין.

## • בעתיקא תליא

ס'איז באקאנט די זוה"ק ביי קריאת ים סוף, "מה תצעק עלי, בעתיקא תליא מילתא", דער באשעפער זאגט פאר משה, וואס מישסטו זיך אריין אין מיין זאך, ס'איז אלעס תלוי אין מיר אליין.

מ'קען אויך טייטשן די זוהר מיט דעם וואס מ'האט פריער געשמועסט, 'מה תצעק אלי' מיינט, פארוואס ביסטו מתפלל א תפילה פון א צעקה, א תפילה פון א עני, 'בעתיקא תליא מילתא', זיי מתפלל א תפילה פון עתיקא, דאס הייסט א תפילה פון א פשטות און א תמימות אז אלעס איז תלוי אינעם אייבערשטן. איך בעט פון דיר, ווייל אלעס באלנגט פאר דיר, איך בעט פון דיר פשוט עס איבערצוגעבן אין דיינע הענט.


**די קביעות'דיגע תפילות, זאגט מען איבער איין מאל און נאכאמאל, ס'ברענגט זיך אזוי שטארק ארויס, די פשוטע און תמימות'דיגע אמונה, אז אלעס איז בידו יתברך, נאך אמאל און נאכאמאל חזר'ט מען, אז אלע ענינים, סיי די ענינים פון כלל ישראל, סיי די ענינים פון יעדן יחיד, אלעס איז בידו יתברך**


**אזא אמונה האט זיך געשפירט ארום דעם גאון, מ'גלייבט אז אלעס איז תלוי בידו יתברך, אז איך וועל בעטן וועל איך באקומען, און אז נישט וועל איך נישט באקומען.**

די חז"ל זאגן 'אל תעש תפילתך קבע, אלא רחמים ותחנונים לפני המקום', און ווי די גמרא און פוסקים זאגן אז א מענטש זאל צו לייגן אייגענע ווערטער צום דאווענען, יעדער ברכה מעין זיין ברכה, אזוי ווי מ'בעט ביי רפאינו פאר א געוויסע חולה, און אזוי ווי מ'בעט ביי שומע תפילה. ווייל ווען א מענטש בעט מיט זיינע אייגענע ווערטער, בעט ער מיט מער הארץ, און מיט מער טיפקייט.

**אנדערע פוסקים זאגן אז בעיקר זאל מען מוסיף זיין ביי אלקי נצור, און אזוי פלעגט זיך הגאון רבי חיים זצ"ל פירן אלע יארן, צו מוסיף זיין אייגענע תפילות ביי אלקי נצור.**

אבער ווי מ'האט פריער געשמועסט איז דא א מעלה דוקא מיט די קביעות'דיגע תפילה, אוודאי דארף מען פראבירן מחדש צו זיין ברחמים ובתחנונים, אבער פארט איז דא א מעלה מיט די קביעות'דיגע דוקא. די קביעות'דיגע תפילות, זאגט מען איבער איין מאל און נאכאמאל, ס'ברענגט זיך אזוי שטארק ארויס, די פשוטע און תמימות'דיגע אמונה, אז אלעס איז בידו יתברך, נאך אמאל און נאכאמאל חזר'ט מען, אז אלע ענינים, סיי די ענינים פון כלל ישראל, סיי די ענינים פון יעדן יחיד, אלעס איז בידו יתברך.

און אזוי חזר'ט מען יעדן טאג נאכאמאל 'ערב ובוקר וצהרים', דריי מאל א טאג, 'ולירושלים עירך', ירושלים און אלעס ארום און ארום, אלעס איז אין דיינע הענט. 'את צמח דוד', משיח און אלעס ארום איז אין דיינע הענט. 'טופס ברכה כך היא' מ'געבט עס איבער בקביעות נאכאמאל און נאכאמאל אז אלעס איז אין דיינע הענט. ס'איז טאקע נישט מיט די רגש פון רחמים ותחנונים, אבער ס'איז דא די מעלה פון תמימות און פשטות.

ממש ווי אלץ קינד, חזר'ט מען יעדן טאג 'מודה אני', און נאכאמאל 'שלא עשני גוי'. ס'וויל זיך פשוט חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, אז עס אלעס תלוי אין דיר, מ'לויפט נישט זוכן די התחדשות און די שינויים מעורר צו זיין די 'לב', מ'וויל פשוט חזר'ן בקביעות איין טאג אויס, אז די גאנצע הצלחה פון יעדן איינעם, איז תלוי אין דיר.

# כללים ומושגים



## גלגל החוזר

די גמרא זאגט אז געלט איז א 'גלגל החוזר בעולם', ס'איז נישט דא אזא זאך ווי א עושר בעצם, אדער א עני בעצם, אלץ איז נאר 'יחסי', יעצט איז ער דער ארעמאן און יענער דער עושר, און מארגן איז פארקערט, 'גלגל היא החוזר בעולם'.

די גמרא (שבת קנא ע"ב) דערציילט אז ר' חייא האט געזאגט פאר זיין ווייב, געב צדקה פאר יענעם, כדי יענער זאל געבן פאר דיינע קינדער. האט זי געפרעגט, די שעלסט אז אונזערע קינדער זאלן זיין ארעמעלייט? האט ער איר געענטפערט ס'איז א פסוק, 'כי בגלל הדבר הזה', און ר' ישמעאל האט געלערנט 'גלגל היא החוזר בעולם'!.

א 'גלגל' האט נישט קיין צדדים, קיינע זייטן, די רעכטע זייט איז נאר רעכט במקרה, און די לינקע זייט, איז נאר לינקס במקרה, און מיט איין דריי פונעם רעדל, איז אלעס פארקערט. דער ימין איז נישט ימין, און דער שמאל איז נישט שמאל, ארויף איז נישט ארויף, און אראפ איז נישט אראפ, ס'איז אלעס א גלגל החוזר.

באמת נישט נאר געלט איז א גלגל החוזר, נאר די גאנצע בריאה לויפט אזוי, ווי מ'זעהט אין ספר קהלת, די נהרות קומען פונעם ים, פון די קוועלער, און זיי גייען צוריק אהין, ס'דרייט זיך ווי אין א רעדל. די זון גייט אונטער, און ער פאנגט גלייך אן צו צילן צוריק אויפצושיינען, און אזוי די אלע סארטן 'עתים' וואס די פסוקים רעכנען אויס אין קהלת, אלעס איז עולה ויורד ווי א גלגל.

אויך די געפילן פונעם מענטש, די עליות און ירידות פונעם נפש, אזוי אויך די סייקל פון די בלוט, די ריסייקלינג סייקל, און נאך פילע זאכן, אלעס גייט אריין אין דעם 'גלגל החוזר' סיסטעם. אזוי אויך די ענינים פון גלגולי הנשמות, ווי די נשמות זענען עולה ויורד ווי א גלגל, אויכעט די דיעות פונעם מענטש זענען עולים ויורדים ווי א גלגל, בפרט די דיעות פון די גאס וואס קומען און גייען.

## די טבע פון געלט אז ס'איז זיך מתגלגל

נאר וואס דען, געלט איז עפעס במיוחד, געלט איז נישט געמאכט פאר קיין עצם, געלט איז געמאכט צו דרייוון די 'עקאנעמי', צו העלפן קויפן, אינוועסטירן וכדומה. ממילא קומט אויס, אז די פשוט'ע טבע פון געלט איז זיך מתגלגל צו זיין, זיך צו דרייען פון איינעם צום צווייטן, זיך מתגלגל צו זיין פונעם עושר צום עני, און צומאל

**ג ע ל ט**
**איז נישט געמאכט פאר קיין עצם, געלט איז געמאכט צו דרייוון די 'עקאנעמי', צו העלפן קויפן, אינוועסטירן וכדומה. ממילא קומט אויס, אז די פשוט'ע טבע פון געלט איז זיך מתגלגל צו זיין, זיך צו דרייען פון איינעם צום צווייטן, זיך מתגלגל צו זיין פונעם עושר צום עני**

בלייבן דארט שטעקן.

א חפץ איז געמאכט צו ניצן, יעדער חפץ האט זיין ניצן, זיין 'גאול' אויף וואס ער איז פאברעצירט געווארן, אבער געלט האט נישט קיין שום ניצן פאר זיך, ס'איז נאר 'להוצאה', זיין גאנצע ניצן איז זיך צו ריקן פון איינעם צום צווייטען, דער עושר ניצט עס צו אינוועסטירן, און אז ס'ווערט עפעס פארהאקט, געשעט אויטאמאטיש אז זיין גאנצע געלט קומט אן צום עני.

חפצים וואס מען קויפט, איז געמאכט צו האלטן, אבער געלט וואס דער מוכר באקומט, דאס ווערט נישט געהאלטן, דער מוכר נעמט עס און קויפט דערמיט אנדערע זאכן. ווייל דאס איז די מציאות פון געלט, ס'איז נישט געמאכט צו האלטן אין לעדל, נאר ס'זאל ארום פארן א גאנצע צייט ארום אין ארום, פון איינעם צום צווייטען.

די גמרא זאגט אויף א פלאץ אז געלט הייסט 'זוזי' (אויף די ארמי'שע שפראך), ווייל זיי זענען 'זזין', זיי ריקן זיך פון איינעם צום צווייטען, פונעם קונה צום מוכר וכו'. דאס איז די גאנצע מציאות פון געלט, זיי זענען 'זזין', זיי זענען במיוחד אינעם 'גלגל החוזר', זיי זענען ממש 'זזין' מזה לזה, זיי ריקן זיך ממש פונעם עושר צום עני, און פונעם עני צום עושר.

## ביים שפיץ דרייט זיך אלעס איבער

א רעדיל - א גלגל - ארבעט, אז ביים סקונדע וואס ער קומט אן צום שפיץ פון אויבן, פאנגט ער אן אראפ צוקומען, און ווען ער איז ביים שפיץ אונטן פאנגט ער אן ארויף צו גיין. ווען ער איז ביים עק פון לינקס, פאנגט ער אן צו גיין צו רעכטס, און ווען ער איז ביים עק פון רעכטס, פאנגט ער אן זיך צו דרייען צו לינקס.

געלט, כבוד, מזל און הצלחה, אלעס איז א רעדיל וואס דרייט זיך, ווען מ'קומט אן צום שפיץ פון גליק, פאנגט מען אן אראפ צו גיין. און די זעלבע פארקערט, אז מ'זעהט זיך ביים עק פונעם תהום, די רעדל איז שוין אנגעקומען צום טיפסטן פלאץ, אז טיפער איז שוין גאר נישט שייך, דאן זאל מען וויסן אז אין אט די רגע האט זיך עס אנגעפאנגען ארויף צו דרייען אויף צוריק, נאר ס'נעמט פשוט צייט עס צו באמערקן, מ'דארף ווארטן מיט געדולד, ס'וועט אנקומען, אט אט איז די גלגל צוריק אויף ארויף.

ס'איז באקאנט די מידת ה'השתוות' פונעם הייליגן חובת הלבבות, וואס באדייט, א חסיד וואס איז אזוי אויסגעארבעט, אז ס'מאכט ביי אים גארנישט אויס, ס'מאכט נישט אויס צו די פארשעמעסט אים, אדער די לויבסט אים, אלעס איז ביי אים גלייך. און ווי די רמב"ם (אבות) פרציילט די מעשה מיט'ן חסיד וואס מ'האט משתין געווען אויף אים, און ס'האט אים נישט בארירט.

די כח דערצו איז פון די השגה אז אלעס איז א 'גלגל החוזר בעולם', וויסענדיג אז אלעס איז נאר א דורעך גאנג, א עראי, דער 'מבייש' קען מארגען ווערן דער 'מתבייש', און דער חסיד דארטן, שטייענדיג ביים שפיץ פון בזיונות, קען גאר מארגן שטיין ביים שפיץ פון הצלחה, דער גלגל געט זיך א דריי, און ער קומט אן צום שפיץ פון הצלחה.

אויסרעכנען אין אוועקשטעלן. און די תורה האט עס איבערגעגעבן פאר די הייליגע חכמים, אז זיי זאלן עס אויסרעכנען אוועקשטעלן און מקדש זיין.

און אזוי זאגן אונז די הייליגע חז"ל, שבת איז 'קביעא וקיימא', ס'לויפט א וואך נאך א וואך זינט ששת ימי בראשית, און די ימים טובים זענען נישט קבוע, זיי גייען לויט די זמנים וואס בית דין איז קובע.

אבער וואס מ'דארף וויסן איז, אז באמת אפילו די וואכן דארף מען האבן דעם מענטש זאל האלטן קאפ, ער זאל געדענקן וועלכע טאג און וואך ס'איז יעצט, דער מענטש איז דער וואס דארף האלטן קאפ דערויף און עס אפלערנען.

אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת (פרק כלל גדול) אז א מענטש וואס בלאנדזשעט אין א מדבר, און ווייסט נישט וועלכע טאג ס'איז שבת, איז דא גאנצעטע הלכות וואס דער מענטש דארף אלץ טוהן. על כל פנים וואס מיר זעהן פון דעם, אז ווען דער מענטש ציילט נישט, ווייסט ער נישט וועלכט טאג ס'איז.

היינטיגע צייטן זענען מיר אזוי צוגעוואוינט צום זייגער, אז מ'שפירט נישט אז די צייט האט עפעס מיטן מענטש, אבער לפי האמת דער מענטש איז דער וואס דארף מסדר זיין דעם זייגער, ווען נישט דער מענטש וואס זאל דאס אלעס אפלערנען און מסדר זיין, וואלטן מיר נישט געהאט די גאנצע זמן.

למשל, אויס צו'חשבונ'ען די מינוטין און די שעות פון טאג, דארף מען האבן א מענטש זאל אריין לייגן אין דעם אסאך יגיעה, מ'דארף אפלערנען דעם זון, כדי ארויסצוהאבן פונקטליך ווי מ'שטייט אין טאג. וואס אמאליגע צייטן האט מען גענוצט אסאך פאטענטן ווי א זון זייגער, אדער א זאמד זייגער, און היינט איז עס א עלעקטערישע זייגער, וואס דאס איז אלעס די כח פונעם מענטש אויסצופיגערן ווי מ'האלט אינעם צייט.

די זעלבע איז מיט די טעג פון וואך, דער מענטש מוז האלטן קאפ צו היינט איז זונטאג מאנטאג. דער מענטש מוז האלטן קאפ צו ס'איז 'ניסן' 'אייר' אדער 'סיון', ווייל ווען דער מענטש האלט נישט קאפ, קען ווערן אויסגעלאזט א טאג אין וואך, אדער א טאג אין חודש, אדער א גאנצע חודש בכלל, און אלעס פארט זיך ווייטער אומבאמערקט, כאילו לא היה.

אין די היסטוריא איז באקאנט, אז געוויסע פעלקער פלעגן האלטן א וואך פון צען טעג, נישט פון זיבן טאג. פשט איז, אז ציילן די טעג איז תלוי ווי אזוי דער מענטש מאכט אפ, אז ער וויל זיי ציילן. און לו יצוייר אז די גאנצע וועלט וועט נישט ציילן קיין טעג, וועט מען ביז א קורצע צייט, פארגעסן אינגאנצן וועלכע טאג אין וואך מ'האלט.

טאג און נאכט זענען אריין געבויט אין די טבע הבריאה ממש, אפילו חיות און בהמות פילן צו ס'איז טאג אדער נאכט, ס'פעלט זיך נישט אויס פארדעם קיין שכל, חשבונות און זמנים. אבער אלע אנדערע זמנים, אפילו אזא פשוט'ע חשבון ווי די טעג אין די וואך, דארף מען האבן דער מענטש צו האלטן קאפ.

לאמיר זיך פארשטעלן, ווי אזוי די זמנים האבן אויסגעקוקט צו אדם הראשון, די טאג-נאכט האט ער געשפירט אן קיין גרויסע חשבונות, אבער אויף די טעג פון די וואך האט ער געמוזט האלטן חשבון, ער איז געווען איינער אליין אויפן וועלט, ער האט געמוזט ציילן יעדען טאג, היום יום ראשון בשבת, היום יום שני בשבת וכו'. אויב וואלט אדם הראשון נישט געציילט, וואלטן מיר נישט געהאט יעצט די חשבון וועלכע טאג אין וואך מ'שטייט, און ס'קען זיין אז מיר וואלטן נישט געוויסט וועלכע טאג ס'איז שבת (די חז"ל זאגען אז יעדן טאג איז שולט א אנדערע מזל פון שצ"ם חנכ"ל, אויך יעדער שעה וכו', אבער דאס איז לכאורה א רוחניות'דיגע ענין וואס איז נישט ניכר אין די מציאות הבריאה, און אפילו אויב יא, דארף מען ווייטער האבן דער מענטש זאל עס אויסרעכנען, ס'איז נישט גרייט טבעיות'דיג, ואכמ"ל).

און אזוי אויך ביי די יארן, ווי די גמרא פארציילט אין מסכת עבודה זרה דף י"א, ווי אדם הראשון האט געהאלטן קאפ אויף די תקופות, ביז ער האט געכאפט ווי אזוי זיי ארבעטען. אזוי אויך ביי די חדשים, אלעס לויפט טאקע פון זיך אליינס, אבער אז אדם הראשון האט געוואלט ציילן חדשים, האט ער געדארפט אויסרעכנען די עליות וירידות פון די לבנה. על כל פנים, אן דער מענטש וואלט עס נישט געארבעט.

## ◆ דער מענטש ציילט די טעג פון די וואך

און ווען די חז"ל זאגען אז שבת איז 'קביעא וקיימא', מיינט עס נישט, אז מ'דארף נישט האבן דעם מענטש, ס'מיינט נאר, אז ס'איז אלעמאל קבוע מיט זיין פונקטליכע סייקל, אלע מאל אויף זיבן טעג אן קיין גרויסע חשבונות, אבער אודאי דארף מען דער מענטש וואס ציילט זיי, און אז נישט, וועט מען נישט וויסן ווי מ'האלט.

ס'איז מבואר אין גמרא בבא בתרא (קכא ע"א) אז ס'וואלט געווען א 'הוה אמינא', אז בית דין איז מחויב צו ציילן די טעג פון וואך, כדי צו מאכן נאכדעם שבת, אבער דער גמרא זאגט אז מ'לערנט ארויס פון א פסוק אז מ'איז נישט מחויב. איז משמע פון גמרא, אז ס'איז דא א געציילעכץ ביי די טעג פון וואך, די גמרא זאגט נאר אז 'בית דין' דארף עס נישט טון, ווייל די מענטשהייט ציילט זיי שוין ווי נאטירלעך.

און אזוי זעהט מען בפירוש אין רמב"ם, ווייל דער רמב"ם (הל' קדוש החדש פרק א ה) זאגט אז 'שבת בראשית' איז איבערגעגעבן פאר יעדעם איינעם, יעדער ציילט זעקס טעג מיט שבת, אבער די זמנים פון די לבנה איז איבערגעגעבן נאר פאר בית דין, צו מקדש זיין און קובע זיין וועלכע טאג זאל זיין ראש חודש, ווי ס'שטייט אין פסוק 'החדש הזה לכם', די דאזיגע כח איז איבערגעגעבן צו ענק.

און די אחרונים ברענגען ארויס פון דעם רמב"ם, אז אויך די טעג פון די וואך ווערן געציילט, טאקע נישט דורעך בית דין, אבער א געציילעכץ איז דא. און פשט איז, אז די טעג פון די וואך דארף נישט קיין טיפע געציילעכץ, מענטשן ציילן עס נאטירלעך, וועגן דעם פעלט זיך נישט אויס קיין בית דין דערויף, און ס'ווערט גערעכנט און א געוויסע זין, ווי זיי ציילן זיך פון זיך אליינס.

ביי 'שמיטה' איז די הלכה אז 'בית דין' דארף נישט ציילן, דארטן איז אויך פשט אז מ'דארף האבן מענטשן זאלן האלטן קאפ, אבער ס'ווערט גערעכנט ווי ס'האלט זיך קאפ פון זיך אליינס. אבער 'יובל' איז דער דין, אז מ'איז יא מחויב צו ציילן, און מ'פארשטייט עס גוט, ווייל 'יובל' איז שוין מער קאמפלעצירט, מ'דארף דארטן ציילן א לענגערע תקופה, און ס'קען צוקומען לידי טעות, וועגן דעם איז מען יא מחויב צו ציילן.

ביי די תקופות אין יאר, איז דער דין אז 'בית דין' איז נישט מחויב בעצם צו האלטן קאפ, אבער זיי דארפן דאס נעמען אין חשבון, אויף וואס ס'איז זיי נוגע לצורך די חדשי הלבנה. און דא איז אויך פארשטענדלעך, אז די תקופות זענען פונקטליכע צייטן, אז ס'האלט זיך קאפ כאילו ווי פון זיך אליינס, מצד די טבע בני אדם.

ס'קומט אויס, אז די גאנצע ענין פון ציילן 'זמן' בכלל איז איבערגעגעבן פארן מענטש, עס איז נישט א קלארע זאך אין די בריאה, דער מענטש דארף האלטן קאפ דערויף. איז ביי קידוש החודש וואס איז קאמפלעצירטע חשבון, קומט צו נאך א טרעפל, אז אויך די אויסרעכנען אליינס דארף מען האבן 'בית דין', זיי זאלן עס אויסרעכנען און דערנאך קובע זיין (ווי די אחרונים זענען מבאר אז ס'איז צווי מצוות, אויסרעכנען, און קובע זיין).

און מיט דעם אלעם וועט מען בעסער פארשטיין אסאך ענינים פון 'ציילן זמנים' אין די תורה, ווי ביי ספירת העומר, זב וזבה, יובל. ביי די אלע פלעצער איז פשט, אז ווען דער מענטש ציילט די טעג אדער די יארן, מאכט ער מיט זיין ציילן, די עצם מציאות פון די דאזיגע טעג, כאילו דער מענטש באשאפט דער דאזיגע זמן, ווייל היות די מציאות פון 'זמן' כשלעצמו איז נישט ניכר, און ס'פעלט זיך אויס דער מענטש צו דעם, ער זאל זיי ציילן און מכיר זיין, ווערט עס פארופן ווי ער מאכט עס ממש מיט זיין ציילן.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424